.1 -בש

?נ? ב ש בֿ ע י ם ל ש ו נ ו ת |בעשיווים לעשוינעס| -

אדוו פר, פּפֿ בשבֿעים לשון |~ לאָשן|. (לל) אויף

די שפּראַכן פון אַלע פעלקער. גרויסער קענער

בשבֿעים לשונות.

?נ? ב ש בֿ ע י נ י ם |בעשעווא איינאַים| - אדוו פר.

(לל) מיט גרויס אויפמערק, געבנדיק גוט אכטונג

(קוקן, אויפפּאַסן). % אויף דעם פאַרשוין דאַרף

מען קוקן בשבֿע עינים, ער זאָל עפּעס ניט צולקחנען.

... " קען איך דען נאָכקוקן יעדע זאַך בשבֿע עינים?".

בר ש. איזבאַן.

ב ש ג ג ה |בישגאָגע| - אדוו. (לל) דורך אַ פאַרזען,

אומגערן, ניט אומיסטן, ניט ווילנדיק, אָן אַ שלעכטער

כוונה. % ער האָט עס געטאָן בשגגה, ניט בזדון, ניט

געמיינט דערבײַ קיין שלעכטס.

1900 " דער משל איז טאַקע אַקעגן אײַך אַליין מיט דער

686 שײַנער ציג, וואָס איר האָט מיר אַרײַנגערוקט בשגגה,

דאָס הייסט אויף אַ געלעכטער |...|". שע, דער

פאַרכישופטער שנײַדער, ציט אויסג אַלע ווערק,

נ"י, 1944, ב' VI - א, ז' 42.

" במזיד און בשגגה האָבן מיר די פּרײַ געקינדיקט".

במד 6628 בראַד, ציט גש, ק"ט, ז' 21.

1956 " נאָר עס טראָגט אים דער שטראָם פון שלעכטס-

685 טוונג בזדון אָדער בשגגה". איבז ש. שנהוד,

א. שטיינמאַן, זש' גק נ' 23, ז' 98.

ב ש ו ג ג |בעשויגעג| - אדוו. (לל) דזוו דפוו,
דער היפוך פֿון 'במזיד'. % די עבירה איז ער
באגאנגען בשוגג, ניט וויסנדיק וואס ער טוט.

1832 " גדיינק דיא הארין פון דיא אומות דאש זייב
דיא אבות פון דער וועלט אונ דורך זייער זכות פאר 694
מייד דייני קנעכט פון דיא זינד וואש ווערין גיטאן
במזיד אודר בשוגג". מחזור לראש השנה, סלאוויטע,
דף מו - ב.

1867 " איך די ערי מקלטן פלעגן אנטלויפן נאר אזעלכע
מענטשן, וואס האבן בשוגג געהרגעט מענטשן". 693
קמ, נ׳ 9, ז׳ 67 - III.

1916 " |...| גאט איז אן עדות, אז דאס איז געווען
ניט במזיד, נאר בשוגג". שע, פונ׳ם יאריד I, 705
ציט אויסג אלע ווערק, נ"י 1944, ב׳ III-ג, ז׳77.

1947 " |...| בשוגג האט ער מסתמא ניט פארשטאנען
|...|". הל, מיט דער שארית הפליטה, 707
מאנטרעאל, ז׳ 208.

|| בשוגגדיק |בעשוגעגדיק| - אדי/אדוו. (לל)
דזוו דפוו.

1934 " |...| דאס איז א בשוגגדיקע נאציאנאלע
אסימילאציע". רעד׳ ה. צייטלין, זש׳ דער אלף, 709
III קונטרס, ווארשע, ז׳ 6.

ם 1723 " טוט ער איין מלאכה בשוגג, דאז מיינט דז ער
עש און גערן טוט, עש זייא ער העט פארגעסין דאש 700
שבת איז |...|". לט, אמשטרדם, דף 14 |?74| -I.

ב ש ו ר ה |בעשאָרוועָ| - אדוו. (לל) אין גוטע
באַציונגען, אָפטער געניצט שווה-בשווה |שאָווע-
בעשאָווע|. % די שותפים זיינען לעצטנס גאר ניט
בשווה צווישן זיך, עפּעס האבן זיי זיך צעווערטלט
וועגן אן עסק.

1957 " ער איז נישט געווען בשווה מיט זיין |...|
פרוי, ווייל זי איז [struck out] אַן אויסבערענגערקע". 710
יזב לאמזשע |...|, נ"י, ז' 249.

ב ש ו ם א ו פ ן |בעשום אויפן| - אדוו פר. אין קיין
פאל, אין גאנצן ניט, קיין מאל .

1849 " |...| אבער וואס איין מענש שווערט אדער טוט
איין נדר צו איין מענשן אדער פיל מענשן ובפרט 718
צו דער אבערקייט איז ניט דא קיין שום ביטול און
היתר בשום אופן און מען מוז מקיים זיין".
הרב הנובר, ס' שערי ציון, זשיטאָמיר, ז' 249.

1888 " ער האט גדליה-הערשן בשום אופן ניט געוואלט
אננעמען פאר א קרוב". ממוס, דאס ווינטשפינגערל, 713
ציט אויסג [struck out]....1913 ווארשע, ז' 7.

1935 " פֿענעק פילט: מיט איין מאל "ניט עסן קיין
אַנבייסן" וועט ער זיך בשום אופן ניט איינקויפן
אין דער חברה". בערג, באם דניעפער I, מאסקווע,
ז' 226.

1951 "אויף דער בינע איז דאס אלץ דא, |...| מען
קען עס בשום אופן ניט אוועקחלומען, אוועקפאנטאזירן". 731
שנ, ה. לייוויק, טאראנטא, ז' 450.

0 בשום אופן בעולם |~ באַווילאָם| - אדוו פר.
(לל) דזוו דפוו, מער עמפאטיש.

1850 " און איך האב אנגעהויבן ארום גייען דעם שלאס
[אויפן טויער] טאמער וועל איך קענען עפענען, אבער 760
איך האב ניט געקענט בשום אופן בעולם".
ס' שבחי בעש"ט, זאלקווא, תכ"י. ז' 13 - I.

בשום אופן ואופן |~ וועאויפן| - אדוו פר, דזוו דפוו.
"אויף אזא שלאק האט זיך לייבל בשום אופן ואופן
נישט געריכט". שע, בלאָנדזשענדע שטערן I, 764
ציט אויסג.... ווארשע, 1922, ז' 85.

בשום אופן וצד |~ וועצאַד| - אדוו פר. (לל)
דזוו דפוו, שטאַרק עמפאטיש.

1904-1915 " |...| נאר דער משיג-גבול וויל בשום
אופן וצד דעם פסק ניט אנהאלטן". פרץ, 765
פאלקסטימלעכע געשיכטן, ציט אויסג אלע ווערק V, 1947,
נ"י, ז' 127, „אראפגעלאזטע אויגן".

בשום כל ואופן |בעשום קאָל ועאויפן| - אדוו פר. (לל)
דזוו דפוו.

1929 " דאס ווייב האט נישט געוואלט גלייבן, בשום כל
ואופן |...|". אײַבערגמאן קאַצקער מעשיות, 773
ווארשע, ז' 47.

בשום עניין ואופן |בעשום איניען וועאויפן| - אדוו פר.
(לל) דזוו דפוו.

1886 " און דער פּראסטער עולם קען זיך בשום עניין ואופן
אַן איר |דער זשארגאָנישער שפראך| ניט באגייען". 774
י. טרובניק, ייפאל, ג' 39, ז' 635.

1895 " |...| מיר זענען פארגלייבט געווען, אז
קיינער האט דאס ניט געקענט וויסן בשום ענין 775
ואופן". ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס,
ז' 166.

ב ש ו ר פֿ י - ----> בשפע.

ב ש ו ר פֿ ע - ---> בשפע.

(?נ?) ב ש ו ר ש |בעשוירעש| - אדוו. (לל) איך דער טיף,
גרינטלעך.

1626ם " |...| דר דא איין זאמלט (על יד) איך זיינר
הנט ביסלך ווייז די תורה אונ' לערנט זי בשורש 889
|...|". סהמז, משלי, יג - יא, לובלין.

1716 " דען ווער דא ווערט קענן דאז טייטשי פירוש
// ווערט (רשי) אויך פר שטין בשורש". סהמז, 888
ווילהערמרשדארף, הקדמה לנביאים אחרונים.

ב ש ו ת פֿ ו ת |בעשוטפֿעס| - אדוו. 1. איך איינעם,
צוזאמען. % די שכנים היטן אפ בשותפות דעם גאָרטן
ביי זייער הויז.

... " קיינעם איז גאר ערגעץ נישט קשה צוקוקנדיק,
ווי ער, אליין אדער בשותפות מיט א גאנצער קאמפאניע, 898
שטייט שטאל און אייזן פאר זיינע אינטערעסן |...|".
ממוס, א סגולה, ציט אויסג "מענדעלי", ווארשע,
ז' 13.

1915 " א סוכה מאכט זרח בשותפות מיטן ברודער און
נאך צוויי שכנים". אר, זרח "שותפות", ציט
אלע ווערק XII, ניו-יארק, 1917, ז' 156.

1961 " די קאראימער |זענען| אקטיוו ביים פארטיידיקן
זייערע רעכט |...| בשותפות מיט דער יידישער קהילה ". 895
נ. מ. געלבער, יזבוץ לוצק, ת"א, ז' 66.

2. (ספעציעל וועגן מסחר, געשעפט אע) מיט א גלייכן
אדער אנדערש אפגערעדטן אנטייל אין הוצאות און
הכנסות (פֿון געשעפֿט, אינסטרומענטן א"ג). % זיי האנדלען בשותפות. בשותפות פירן
זיי א גרויסע טעקסטיל-פאבריק.

1915 " אזוי ווי די דאזיקע קראם האט פאר צווייען
ניט געקאנט טראגן קיין חיונה, האט ער צוגעהאנדלט
אין א מארקטאג בשותפות מיט איינעם א יידן |...|,
א דרייער, אבער מיט א גרויסן קאפ". אר, זרח
"שותפות", ציט אלע ווערק, נ"י, 1917, ב' XII,
ז' 154.

... ~~" די אלטגלגלביבקע רוסן |...| זיינען געווען~~
1934 " די זין האבן ביי מיר די יאטקע צוגענומען,
צוערשט געפירט בשותפות, דערנאך האבן זיי אים אין 893
גאנצן ארויסגעשטופט, היינט איז ער א יורד".
אש, תהילים-ייד, ווילנע.

1951 " די אלטגלגיביקע רוסן |...| זיינען געווען
ארענדארן, אפט בשותפות מיט יידן |...|". 894
א. קאצענעלנבאגען, זוב ליטע I, נ"י, ז' 334.

|| בשותפותדיק |בעשוטפעסדיק| - אדי/אדוו.
1. וואס געהערט צו ביידן (אדער צו עטלעכע).
% די קראם איז א בשותפותדיקע. זיי וווינען אין
א בשותפותדיק הויז.

2. שײַכדיק צו ביידן אדער צו עטלעכע, צו א סך (נאר אין זינען פֿון בפּועל).

1911 " די מיאוסע מידה לאזט זיי נישט פאראייניקן זיך צו א בשותפותדיקער ארבעט לטובת דעם גאנצן פֿאָלק". ממוס, קליאטשע, קאנק 1310570.

1913 " דאס בוך |...| האט דערמאנט אין מירלס און נאך עמעצנס א בשותפותדיקער זינד". בערג, נאך אלעמען, ציט געזאמלטע ווערק IV, ווילנע, 1928-30, ז' 51. 919

1960 " וויכטיק איז זייער קאלעקטיווער פילן און דענקען, זייער בשותפותדיק שאפן". שנ, שלום אש, נ"י, ז' 244. 918

בשותפֿות|=ע,=ער||בעשוטפעס-ע| - אדי. דזוו דפוו, בב 2.

1912 "די איינצלנע דיאלעקטן שטויסן זיך צונויף, |...| ביז עס ארבעטן זיך אויס גאנץ נייע, בשותפֿותע געשטאלטן". זשיט, שריפטן IV, נ"י, ז' 137. 892

1957 " עס איז ניטא |...| קיין פארגלייך צווישן זיי |תפילה בכוונה און שלא בכוונה|, מער ניט דאס וואס זיי האבן א בשותפֿותן נאמען". ליקוטי אמרים, תניא, נ"י, דף 308. 923

אותיב [ווער?], ר' שניאור-זלמן מליאדי

בשותּפֿותש |בעשוטפֿיש| - אדוו. (זן) דזוו דפוו, ב 2.

1912 " דער ראדיקאליזם האט זיך היסטאריש פארבונדן

מיט דעם מאטעריאליזם אין א קאמף אנטקעגן א 906

בשותּפֿותשן פיינד |...|". זשיט, שריפטן II,

נ"י, ז' 57.

בשותפות האבן (פארמאגן) - זיין ענלעך, האבן עפעס

וואס בינדט, פאראייניקט, שייכותדיק.

1912 " מיט דעם ראדיקאליזם האט ער בשותפותי נאר די

אייגנשאפט צו זיין מוטיק, צו דערפארשן ביזן סוף". 896

זשיט, שריפטן III, נ"י, ז' 77.

ב ש יי כ ו ת |בעשייכעס| - פרעפּ. אין ביינדונג (מיט),

אין צוזאמענהאנג (מיט), אין באציונג (צו), רעלאטיוו

(צו). % בשייכות מיט איער ווענדונג איך באשלאסן

געווארן צו ענטפערן פאזיטיוו. בשייכות מיט דעם

פראיעקט וועגן דעם בוי פון קאנאל זיינען ארויסגערוקט

געווארן פארשיידענע באווארעונישן.

1951 " א פעסטונג פון תורה, איז ווילנע געוועז פארבונדן

מיטן ספר, און בשייכות דערמיט איז איר נאמען 931

געווארן באקאנט אין דער יידישער וועלט דורך דער

בארימטער ראמס דרוקעריי". מ. קאסאווער,

זב ליטע I, נ"י, ז' 1134.

ב ש י פ ל ו ת |בעשיפלעס| - אדוו. (לל) אונטערטעניק, דערנידעריקט, דערשלאגן. % דער יורד האט זיך געפילט גאָר בשיפלות, וואס ער האט געדארפט בעטן די נדבה.

1850 " זיא האט דאס גאר ניט גיהערט ווייל זיא האט זיך גיהאלטין בשפלות און איז נט אוועק גיגאנגין פון אים ביז ער האט איר גיגעבן פערציג גילדין". 1439-1438
ס' שבחי בעש"ט, זאלקווא, תק"י, ז' 19 - II.

ב ש י ר ה ו ב ז י מ ר ה |בעשירע אוווּעזימרע| - אדוו פר. (לל) מיט לידער און געזאנג. % די הקפות האט מען געפראוועט בשירה ובזימרה.

" ר' ישראלטשע גראַדזשיצער איז געגאנגען צו די גאזקאמערן בשירה ובזימרה, זינגענדיק אני-מאמין מיט אן התלהבות, וואס האט אנגעכאפט די גאנצע עדה". 1468 936
ב. האגער, זש' גק, נ' 64, ז' 171.

ב ש כ נ ו ת |בישכיינעס| - אדוו. 1. נאענט דערביי, דערנעבן, הויז ביי הויז, ניט ווייט איינס פון אנדערן. % די שול געפינט זיך בשכנות, פאַרשפּאָרן די קינדער אונדזערע צו גיין ווייט. בשכנות מיט דער שול איז דא א קליינער פארק.

... " דער גרינדער פון דער סעקטע אָקבאַריטן איז ישמעאל אל-עקברי, פון דעם ארט עקברה בשכנות 948
פון באַגדאַד |...|". ר. מאהלער, ייבל XIII, 1 - 2.

" |...| קלייבן מיר זיך שאפן דא, בשכנות
מיט דער מלוכה-ביבליאָטעק |...|". מוו, 941
היטלערס פראפעסארן, ז' 49.

2. (וועגן וווינען) אין זעלבן הויז, אין דער זעלבער
גאס.

1904-1915 " |...| איז צו אים געקומען א מאל א שדכן
און געזאגט אים, |...| אז בשכנות וווינט א בעל- 941/א
מלאכה |...|, אן ערלעכער מאן |...|". פרץ,
מסירת נפש, ציט אלע ווערק, נ"י 1947, ב' V,
ז' 224.

1974 " כ'האב זיי אלע געקאנט, ווייל מיר האבן
געוווינט בשכנות". באש, פאר !!/15. 945

3. (וווינען) אויף שכר-דירה, ניט אין קיין אייגענעם
הויז. % ער האט אלע זיינע יארן געוווינט בשכנות
און ניט געקאנט זיך דערשלאגן צו קיין אייגענער
דירה.

ב ש ל ו ה - <--- בשלווה.

ב ש ל וו ה |בעשאַלווע| - אדוו. באַרוט, רויק,
אָן זארגן, געמיטלעך. % ער האט, קיין עין-הרע
א שיינע פרנסה און לעבט זיך בשלווה. אלץ איז ז
אפגעגאנגען בשלווה, אָן מחלוקתן.

1848 " אבער אז ער וועט זיך פאר לאזין אוף גאט וועט
ער גפונן איין אפרוא צו זיין הרץ אונ זיין לייב 953
וועט זיין בשלוה". הה, זשיטאמיר, ז' 354.

1886 "דאס איז געווען די זינד פון סדום |...| געווען זאט מיט ברויט, |...| געזעסן בשלווה און קיין אָרעמאן |...| ניט אונטערגעהאלפן". 958

תנחומא, שמות, ווארשע, ז' 79.

1961 "|...| האט ער אָבער זיך אָפּגעשפּאַרט [?] אין רויִקייט פון זיין ווינקל. ער האט געוואלט זיצן בשלווה און ניט מישן זיך' אין ציבור-לעבן, אין פּאליטיק". 954

ה. זיידמאן, טמז, XII/1.

|| בשלווהדיק |בעשאַלווערדיק| - אדי/אדוו. דזוו דפוו.

1930 "דודלס אויגן טרערן אויף דעמאלט פון דער שטילער אויפגערוימטקייט, פון דעם בשלווהדיקן אטעם". 959

ווייס, גש II, ווארשע, ז' 52.

0 בשלווה גדולה |~ געדוילע| - דזוו דפוו, עמפאטישער.

1869 "און זיינען זיך אזוי געזעסן דארטן בשלווה גדולה ביז דעם יאר מזר"ה |1492| פון אלף השישי". 956

אמד, מלכה אונד הדסה, ווילנע, ז' 9.

1626 "אונ' איך דוד האב מיך געדאכט (בשלוי) אין מיין פרידקייט דא איך בין בשלוה גיזעסן". 957

סהמד, תהילים, ל - ז, לובלין.

ב ש ל ו ם |בעשאָלעם| - אדוו. 1. אין פרידן, אָן מלחמות, אָן מחלוקתן/ קאָנפליקטן. % די שכנים לעבן צווישן זיך בשלום, מע קריגט זיך קיין מאל ניט. מיר שטרעבן דערצו, אז אלע פעלקער זאלן לעבן בשלום, ס'זאלן מער קיין מלחמות ניט זיין.

... " דער תוך פון אזוינע אסיפות איז נאָר דער טומל
999 און די שטיקעניש, און אז מ'האט אפגעליארעמט און
אפגעקוועטשט זיך די זייטן, |...| צעגייט מען זיך
בשלום". ממוס, צוריק אהיים, ז' 75.

1962 " |...| האבן א רעגירונג, וואס זאל זיך
962 איינפארשטיין און לעבן בשלום מיט וואשינגטאן".
ש. ביקל, טמז, XII/7.

1967 " א געוויסע צייט האבן יידישע און קריסטלעכע
973 הענדלער געלעבט בשלום". א. כאַמעט, יזב ריישא,
ת"א, ז' 379.

2. אָן סכנות (צרות, שוועריקייטן) אדער ארויסקומענדיק
פון זיי מיט א גוטן סוף (אָן שאָדן, געזונטערהייט,
אין ארדענונג).

... " זעניך זיי געאנגין מוט דעם מענטשין פון דעם
981 וואלד אונ ער האט זיי בשלום איבר גפירט אונ ער
האט זיי ארייך גברכט אונ איז אוועק געאנגין".
סיפורי מעשיות פון ר' נחמן בראסלעווער, מעשה
מבן מלך ובן שפחה שנחלפו, ~~[illegible]~~ ז' מה-[illegible].

1888 " מע איז לויב גאט געקומען בשלום אהיים |...|".
983 מ. א. שאצקעס, בילדער פון דער ליטע, קיעוו,
ז' 170.

1935 " |...| זיי זענען שוין אריבערגעגאנגען בשלום
די גרענעץ פון פוילן און געפינען זיך ערגעץ אין די
טייטשלאנד". באש, דער שטן אין גאריי,
ווארשע, קאנק 132.

1968 " די יידן האבן |...| אים געוווּנטשן מיט א
שעפּטשעניש |...| אז ער זאל אנקומען קיין ארץ-ישראל
בשלום". חג, צמח אטלאס II נ"י, ז' 412.

|| בשלומדיק |בעשאָלעמדיק| - אדי/אדוו. 1.דזוו דפוו,
ב 1.

1913. " |...| זיך א לאז געטאן צו מיכלען גארניט 4
מיט קיין בשלומדיקער כוונה". נס, משפחה מאשבער I,

2. דזוו דפוו ב 2. % די מעשה ענדיקט זיך גאר
בשלומדיק און געמיטלעך.

1910 " האט מען זיך געפרייט מיט דער בשלומדיקער
ריקקער פון |ר' בעריש| מייזעלס |...|". רעד'ג.באדער, 1011
יודישער פאלקסקאלענדאר, לעמבערג, ז' 74.

0 בשלום ובשלווה |~ אובעשאָלווע| - אדוו פר.
פפּא בשלום ושלווה |~ וועשאָלווע|. דזוו דפוו,ב1,
נאר שטארקער, עמפאטישער.

... " |...| אויף מיין עשירות לאז איך קיין צוואה
נישט איבער; איך בין בטוח, אז בני ביתי שיחיו אדער 1013
זיי וועלן לעבן בשלום ובשלווה צוזאמען |...|".
פרץ, פיר דורות פיר צוואות, ציט אויסג...ז'378.

... " כל ימיו זיצסטו איין ייד, להבדיל, צווישן
אזוי פיל גוים בשלום ושלווה, און מע האט דיך 1012
ניט אָנגערירט |...| אויף א האר!". שע, טביה,
ציט אויסג... ז' 205.

איבערקומען בשלום - איבערלעבן א געוויסע
סכנה, צרה און ארויסקומען גוט, געזונטערהייט
(ס'רוב וועגן א קראנקהייט).

... " און איך בין געווען די באָבע, וועלכע פּאָרעט זיך
נעבן איר, טוט מעשים |...| כדי צו העלפן דער 964
יולדת איבערקומען בשלום". ממוס, איך א שטורעם
צייט, ז' 41.

1908 " א דאנק גאט, וואס דאס באגעגעניש האט זיך
אויסגעלאזט מיט עפעס אריינשטופן אין דער האנט באג- 1133
אריין און מען איז איבערגעקומען בשלום".
א. מאמאראווסקי, די הגדה פון דער ליגקער זייט,
אדעס, ז' 7.

אפלויפן בשלום – ענדיקן זיך גוט, אן סכנות, מיט
א גוטן רעזולטאט.

... " ווען אבער גאט העלפט, עס וועט אפלויפן בשלום,
און איך וועל אויסשטודירן". ממוס, די קליאטשע, 976
ציט אויסג נ"י 1910.

... " דער איבערשטער זאל העלפן אז די ראליזאציע
זאל אפלויפן בשלום". שע, מנחם-מענדל, ז' 31. 975

ם
--> 1.
1626 " |...| ווערדר איך זעלט וואונן בשלום ושלוה
איך דיא גיצעלטן פון עשו (הרשע) אונ' צו ביהעפטן 1015
אן אירי מעשים". סהמ, תהילים פד-יא, לובלין.

----> 2.

... " נון זעניך מיר אויז אלין בורג הרויב גיצאגין
אונ' לעת ערב בשלום אין דען דארף גיקומין". 980
גה, ז' 155.

1774 " |...| וויל בריכטן אז איך כאן ק"ק מיץ
|ביך געקומען| בשלום |...|". י. מארשן.
חנוך לנער, פיורדא, תקל"ד, דף ד - II.

ב ש ל ח |בעשאלאך| - נאָמען פון דער פערטער סדרה אין ספר שמות פון חומש.

רייבן אין בשלח אריין - עסן א סך, פרעסן|סטוטש 264|.

ב ש ל י מ ו ת - ---> בשלמות.

ב ש ל מ א |בישלאָמאַ| - |אדוו?| פפ: בשלומא |בישלומא?|.
(לל) אויסדרוק פון תלמודישן פילפול, באַטײַט:
ניחא אז דאס איז אזוי(איז רעכט), אבער|...|.
די זאך איז ריכטיק, אבער בתנאי אז |...|.
לויט דעם תנא |...| קען זיין ריכטיק, אבער לויט דעם אנדערן איז א קשיא.

1865 " ענטפערט די גמרא, צייך.(בשלמא מלוה) פאר
דעם מלוה האב איך יא מורא, ער וועט נאך זוכן דעם 1041
משכון, ער ווייס ווער עס גייט אריין און ארויס
פון זיין שטוב, וועט ער זיך מטריח זיין און וועט
ברענגען דעם משכון, וועט ער פסלענען דעם לווה
צו עדות און צו שבועה. אבער פאר דעם לווה האב
איך קיין מורא ניט, טאמער וועט ער פסלענען דעם
מלווה לעדות. ווייסט ער דען ווער עס גייט אריין
און ארויס פון דעם מלווהס שטוב?". שביל,
המלמדים כ"ו/ב, בבא מציעא, ווארשע.

1867 " ווארעם בשלומא, אז מען גיט |איין יד אריין|
צי וואס פארן טאקע באמת טארגעווען |האנדלען|,
איז רעכט, אבער אזוינעם, פאר וואס קומט אים אפילו
איין פרוטה???". קמ, נ׳ 11, ז׳ 82 - III.

1906 " זיצט ער אזוי און לערנט |...|. בשלמא,
נאכן תנא קמא איז רעכט, אבער מיין בריל איז דאך 1038
טאקע ניטא |ווייל זי איז פאררוקט איבערן שטערן|".
אנאנים, הייקל ממזר-קאפ, בערדיטשעוו, ז' 6.

1968 " די בני-תורה האבן זיך איבערגעקוקט צעטומלטע.
בשלמא, בעת דניאל האמלער איז געלעגן אין היץ און
יסורים, קען מען זאגן, אז ער האט ניט געדענקט וועגן
צניעות. אבער זינט די היץ איז אפגעפאלן |...|,
שעמט ער זיך ניט פאר פרעמדע יונגע נשים?".
חג, צמח אטלאס II, נ"י, ז' 261.

ם 1697 " אונ גיט ניט אויש דר שול איער ארויש,//
ביז דש הינטרשטי קדיש איז אויז.// |...| בשלומא 1005
אב ווינטר איז עש קאלט// דא קענט איר אייך תירוץ
האבן פאר הש"י |...| אבר אם זומר איז קיין קעלט//
וואש קענט איר דא זאגן פר דעם בישעפר דער גאנצי
וועלט". ר' יהודה ליב בר' משה (זעליחאבר פולין קטן)
חזן וסופר |...|, שירי יהודה, אמשטרדם, תנ"ז,
דף טו - 2 - 3.

1716 " (בשלמא) דז אשר ניט גיקומן איז דאש האט אייך
תירוץ דען ער איז גיזעסין |...| אויף דעם בארטין 1007
פון דעם ים |...|". סהמ III, שופטים, ווילהרמרשדארף,
דף כג - I.

ב ש ל מ ו ת |בישליימעס| - אדון, פולשטענדיק,
אין גאנצן, פערפעקט. % זייך שליחות האט ער
אויסגעפירט בשלמות. יעדער ארבעט דארף מען טאן
בשלמות, ניט סתם אפגעפטרט.

1848 " |...| ער זאל קאנין טאן דיא מצוה בשלימות
1036 אין אלי אירי צדדים, אין דעם אן הייב פון דער
מצוה אונ אין מיטין דער מצוה אונ אין סוף".
חה|||, זשיטאמיר, 187 - 2.

1864 " איך האב א קוק געטאן, ס'איז שלעכט, האב איך
א נעם געגעבן זיך צו מיין זאך בשלמות". ממוס,
דאס קליינע מענטשעלע, קאנק: 19.

1911 " איך טו מיין זאך בשלמות: איך עס און טרינק
1025 און שלאף און גיי אויף שפאציר". שע, מאריענבאד,
ציט אלע ווערק VI - ג, נ"י, 1944, ז' 148.

1959 " |...| פונקט אזוי ווי ראבינצקי אליין וואלט
1033 עס נישט געקאנט טאן בשלימות, וואלט עס נישט
געקאנט דערגרייכט ווערן אויך פון ביאליקן אליין".
שנ, קריטיק |...|, ב"א, ז' 342.

בעשעם

ב ש ם |בעשיים| - (לל) 1. |פרעפ?|. אין נאמען (פון).
א נביא רעדט בשם ה'. דער נשיא רעדט בשם
מדינת ישראל.

1868 " זיי קומט יא עפנטלעך בשם הכלל א גרויסער
1067 דאנק". א. וויינשטיין, קמ, נ' 31, ז' 233 - I.

2. |אדורך?| מיטן (ביים) נאמען. איך וועל אייך
ניט פארלייקענען און אנרופן די קרענק בשם, אויב
איר מוזט עס וויסן.

1832 " אז ער לייגט ארייך די מחשבה במזיד צו טראכטן
1051 פון מיני ניאוף |...| ווערט ער שוין גערופן בשם
רשע". פוקח עורים, שקלאוו, אות ששי.

בענטשן בשם - בענטשן מזומן, נאכן עסן.

ב ש ם  א ו מ ר ו |בעשיים אוימרוי| - פר. (לל)

איך נאמען פון דעם וואס האט דאס געזאגט (געניצט די פֿראזע ביים ציטירן עמעצן, ביים נאכזאגן עמעצנס אַ גלײַכװערטל, אַ ווערטל, אַן אַפֿאָריזם אע). % ס'איז אַ מצווה צו זאגן א מימרא בשם אומרו. איטלעכער וואס זאגט איבער א זאך בשם אומרו, ברענגט די גאולה אויף דער וועלט |אבות ו'-6|.

... " איך וועל אייך זאגן א גלייכוועדטל און

1057 בשם אומרו, דעם פֿאַרטשעווער רבס" פרץ.

ב ש ם  א ל ק י  י ש ר א ל |בעשיים עלאָקיי יִסראָעל| - פר. (לל) איך נאמען פון גאט פון ישראל.

% איך ווארן אייך בשם אלקי ישראל, טוט עס ניט! פארט געזונטערהייט בשם אלקי ישראל!

|אנהייב אוני"ה?| " און איז בשם אלקי ישראל פארט גצוגן".

1061 איין שייני היסטאריע פון איינם מכטיגן רבס טאכטער פון קונסטאנטינאפל, |געדרוקט וואָרשיינלעך אין רוסלאנד|.

... " טאמער קומט צו גיין דער שניידער, זאל

1063 מען אים געבן האלדז און נאקן |...| בשם אלקי ישראל-צו אלדי שווארצע יאר!". שע, דאס גרויסע געווינס, ז' 221.

בשם אלקי מיט א קול שטרוי - שפאסיקע קללה. (דער גראם איז לויטן ליטווישן דיאלעקט: שטרוי-שטריי).

1929 " ווערט ישראל-הערש אויפגערעגט און נעמט שרייען:

1062 איז בשם אלקי מיט א קול שטרוי - קיינער וועט זיך נאך אייך ניט זעצן ווײַנען". אי. דרוקער, אין סטעפ, זש' אלמאנאך וואוספּ, כארקאוו, ז' 201.

19 - בש

בשן - רעין |בעשען וועאין| ארויס(גיין)/ארויסקומען - פראזע. (לל) אנווערן א סך אין א געשעפט, טראנזאקציע, האבן זייער קנאפע רעזולטאטן פון א געוויסער ארבעט, שלעכט אפשניידן. % פון דעם שותפות אין דער פאבריק איז ער ארויס בשן-ועין, פארלוירן כמעט דעם גאנצן קאפיטאל.

1927 " שכנים האבן זיך ביי איר געביטן צוויי מאל

1205 א יאר, און אלע שכנים פלעגן ארויסגיין פון איר ב בשן-ועין |...|". מ. יודעלסאהן, חייקע די שוועבעלע, ווילנע, ז' 16.

1946 " |...| איז פון אלע זיינע גאלדענע פלענער
תמיד ארויסגעגאנגען בשן-ועין". ייט, פוילן II,
קאנק: 299.

1958 " העכער 2500 שער-האָלדערס |אקציאנערן|, וואס
1196 האבן אינוועסטירט אין בעלס קאמפאני |...|
זענען ארויס בשן-ועין". ד. קראנץ, טאג, VIII/20.

ב ש נ י ם ק ד מ ו נ י ו ת |בעשאָנים קאדמוניעס| –
אדוו פר. (לל) פאַר צייטנס, אין גאר אלטע צייטן.

1890 " א פנים האט דאס, אז זיי האבן גארניט וואס
1207 צו זארגן, האבן זיי זיך דערמאנט בשנים קדמוניות
|...|". ייפאל, נ' 7, ז' 11.

?נ? ב ש ע ה |בעשאָ| – בוו צווישן זאצן. (עלט) בשעת,
ווען, אין דער צייט ווען...

1822 " יצחק |...| בשעה דש ער |אברהם| האט אים וועלן
3295-בו-1209 מקריב זיין דעם מזבח איז ער געוועזן בן ל"ו שנה
אלט |...|". נצ II, ווילנע והוראדנע, תקפ"ב.

1711 " ער שפראך צו אים בשעה דז היא נכט וואר
1208 איין גיגאנגין דא זאס ער מיט אלע זיינה שרים
|...|". נצ I, פפד"מ, דף ל"ו – ב.

0 בשעה טובה|בעשא טויווא| - אדוו פר. (לל) אין
א גוטער שעה, אין א גליקלעכער שעה.

... " און דאס קינד זאל ארויסגיין בשעה טובה
און עס זאל ניט געשייען |געען||...| ער און שאדן 1211
צו די געווינערינס". מחזור כל בו, בית ישראל,
ר"ה. נ"י, הפ"ק. ז' 240.

ב ש ע ת |בעשאס| - 1. פרעפ. אין דער צייט פון |...|.
א. פאר ווערטער פון לק מקור קאן די פרעפ' בשעת
קומען אן אַן ארטיקל אדער מיט דעם 'ה' הידיעה:
בשעת מהומה, בשעת סכנה, בשעת הגאולה;
ב. פאר סובסט פון מענלעכן מין קאן די פרעפ קומען מיט
דעם רעדוצירטן ארטיקל אין דער פארמע בשעתן:
בשעתן שמועס, בשעתן רעדן.

1819 " זאג וויא האשטו אוף זעלכי (מעשים רעים)
ניט אכטאן געגעבן (תשובה) צו טאן בשעת דיין לעבן". 1222
ס' ישרי לב, ווילנע והוראדנא, תקע"ט, דף 1.

1832 " האטשידוא קאנשט זיך באלד נוקם זיין אין די
רשעים האלשטו אוף דיין צארין און בצאלשט זיי ניט 1359
בשעת כעס.

1873 " בשעת דער פאלערע |טעקסט: הולי-רע| ווייזט די
טאקסע ארויס איר כוח צווישן דעם ארעמען עולם".
ממוס, די קליאטשע, קאנק: 356340.

1883 " דען בשעת הסכנה |...| אין זיין שטייגער
|דעם שטנס| מקטרג צו זיין". נופת צופים II, 1343
ווילנע, ז' 82 - I.

1927 " בשעתן געוויינלעכן אטעמען |...| באַטייליקט

1407 בו-1452 זיך אין די אטעם -באַוועגונגען נאָר די דיאַפראַגמע".

ט. בערלין, מענטש-מאַשין, קיעוו, ז' 53.

1946 " בשעת דעם תבואה-שניט איז דער זיידע ברוך

נאָר אהיים געקומען |...|". ייט, פּוילן II,

נ"י, קאַנק 255.

1963 " |...| און בשעתן אַנטראַקט פאַרגעסטן מען עס

1408 גיך. מ.מ. שאַפֿיר, אויף קוים שטחים, מאָנטרעאָל, ז' 134.

········································

רעד: געגעבן מער ציטאַן צוליב די פאַרשיידענע פאָרמעס!!

········································

2. בור (צ… צײטבײזאַץ). וועך.

% בשעת די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער אַלט

געווען נישט מער ווי דריי יאָר. איך וועל אַכטונג

געבן אויפן קינד, בשעת די מוטער וועט אַוועקגיין צו

דער אַרבעט.

1836 " בשעת ער וויל אַרויסגיין פון דער שיל זאָל ער

1260 זיך אַ ביסל אָנידר זעצן און זאָל ניט גיין איילנדיג".

לט 2, סדילקוב, דף 12 - I.

1873 " בשעת דו האָסט פריער אַרויסגערעדט די דאָזיקע

ווערטער, |...| האָט מען געקענט מיינען אַז איצט

איז זיכער משיח-צייט". ממוס, די קליאַטשע,

קאַנק: 257800.

... " עס זאָל אייך אַזוי אַקען אין קאָפּ, ווי עס אַקעט

1253 מיר אין האַרצן, בשעת דער |...| הוסט קומט מיר אָן!".

שע, מנחם-מענדל, ז' 122.

1948 " מ'האָט קוים געהערט, בשעת זי האָט די טיר געעפנט

1259 |...|". נס, משפחה מאַשבער II, קאַנק; 169.

נ"י, ז' 169

1957 " בשעה ער דערציילט, |...| גייט ער ארויס פון

1259 זיין וואכעדיקן לעבן און שטייט העכער און איידעלער".

לדב, נ"י, ז' ע"ו.

0 בשעת-הדחק |בעשאס-האדכאק| - אדוו פר. איך א

נויטפאל, ווען ס'איז ניטא קיין אנדער זאך,

קיין בעסערס.

1864 " |...| אלע מים זיין כשר צו דער נטילה

1320 בשעת-הדחק". הרב א. ברודא, הליכות עולם,

אונגוואר, דף ה - I.

... " יונגער-מאן, |...| אפשר וואלט געווען א

1313 סברא, איר זאלט זיך מטריח זיין |...| א רוק

טאן זיך בשעת-הדחק א ביסעלע אראפ?". שע,

מנחם-מענדל, עס פידעלט נישט, ז' 188.

1953 " ווו שטייט עס געשריבן, |...| אז א גוטע

1332 לאבאראטאריע מוז באשטיין פון צוואנציק צימערן?

בשעת-הדחק קאן מען זיך באנוגענען אויך מיט צען,

אבי עס זאלן אין איר זיין גוטע ספעציאליסטן".

גרינ, מענטשן |...|, נ"י, ז' 198.

בשעת-הדחק שאני|... שאני| - פראזע. (לל) איך

א פאל פון א נויט (פון א סכנה) איז עפעס אנדערש,

מעג מען.

... " פארטראכט זיך דער צדיק און זאגט: מילא,

1333 בשעת הדחק שאני". פרץ, אראפגעלאזט אויגן,

ציט...

בשעת־חדווה |בעשאַס־כעדווע| - אדוו פר. 1. אין
אין א מאמענט פון פרייד, פון פריילעכקייט.

1882 " היינט איז ביי שליאמקע הענציס דער פדיון־
1350 הבן, און איך בין דער כהן |...| וועל איך בשעת
חדווה, ביים גלעזל וויין, פארווארפן רייד".
קאלמוס, זעלטענער ברית, ווארשע, ז' 7.

1923 " |...| ס'איז גלייך ווי דערמאנען אן אויפגע־
1351 קומענעם גביר בשעת־חדווה, אז ער איז א מאל געווען
א בעלפער". רעד' א. קליינמאן, יודישער
ליטערארישער קאלענדער, ה' תרפ"ג, ז' 34.

2. (פיג) אין א פּאסיקן מאמענט, ווען ס'לאזט זיך
טאן, ווען אלע טוען דאס. % כ'האב ניט געקלערט
צו פארן, אבער בשעת חדווה, אז ער האט געזען, אז
דער עולם בויט זיך, האט ער שוין זיין איינפארהויז
אויך א ביסל פאררירכט". י. ל. בינשטאק,
בייא ר' שלמה בערלינער, לוואוו, ז' 40.

בשעת חדוותה |...כעדוואסא| - אדוו פר. דזוו דפוו.ב.1.
... " עס איז אפילו א סכנה צוזאמען צו טרעפן זיך
1353 מיט אזוינע לייט בשעת חדוותה". פרץ, די תאווה
צו קליידער.

בשעת חירום |...כיירעם| - אדוו פר. אין אן
אויסנעמלעך שווערער צייט, אין א מאמענט פון סכנה.
... " |...| נייערט בשעת חירום אין בבל". פרץ,
מסירת נפש.

בשעת-חירום שאַני |... שאַני| - אין א צייט פון
סכנה מעג מען, איז אנדערש דער דין.

1916 "|...|מיר יידן האבן אויך אזא מין ווארט, וואס
1355 הייסט בשעת חירום שאַני, ביי א מלחמה איז עפעס
אנדערש". י. ד. זילבערבוש, שטרעכאלעך |...|
וויך, ז׳ 161.

בשעת-סכנה |...-סאַקאָנע| - אדוו פר. פפ: בשעת-הסכנה.
אין א געפערלעכער צייט, אין א דרינגענדיקער נויט.

18.. " און בשעת-סכנה מאגן יהודים גיין מיט זי
1414 |לבתי תפלתם| אז מן זאל מיינן אז זי ווארן נכרים".
ס׳ חסידים, |ווו?|, תקע"ז?

1886 " אפילו בשעת הסכנה זאל זיך א מענטש נישט
1341 משנה זיין פון זיין כבוד און ניט אנטאן אנדערע
קליידער נאר ווי ער גייט תמיד". תנחומא,
בראשית, ווארשע, ז׳ 42.

1932 " ס׳שטייט דאך: שטן מקטרג בשעת הסכנה! נו,
1342 איז דען פאראן מער סכנה ווי ביי נאכט אויפן וועג?".
י. ל. שפירא, דער אידישער גייסט - תקיעת שופר,
מונקאטש.

בשעת-צרה |...צאָרע| - אדוו פר. אין א שלעכטער
צייט, אין א נויט. % בשעת צרה דארף מען זיך העלפן
איינער דעם אנדערן.

1832 " בשעת צרה גדיינקין מיר דיך מיט לוסט אונ
מיט גאנצין הארצין". מחזור לראש השנה,
סלאוויטע, דף כח/ב.

<u>בשעת מע וויינט, זעט קיינער ניט, בשעת מע לאכט זעען אלע</u> (<u>שוו</u>) – ווען עמעץ איז איין א נויט, קוקט מען זיך ניט אום אויף אים, אבער ווען יענעם איז גוט, איז מען מקנא, פארגינט מען ניט.

<u>בשעת הדחק באקומעט דער שטן א קאטער</u> (<u>פוול</u>) – שפאסיק פארדרייט פון דער מימרא "השטן מקטרג בשעת הסכנה". |מדרש בראשית רבה, צ"א|.

ם ---> 1.

1626 " דא זאגט ער ווייטער איין טעם ווארום דז גוט זאל זיך ניט פר ברגן בשעת צרה". <u>סהמן</u> תהילים. י' – ב, לובלין. 1418

" עס איז איין גרושר חוב אויף איטליכין יהודי ער זאל גיט אכטונג געבין אויף זיינע קליידער זייא זאלין זיין ריין אפילו ניט |?| בשעת התפילה ווארום די קדושה רועט ניט אויף איין איינגעריכטין ארט". 1228

<u>קה</u>, הורודנא [?]

--- > 2.

1626 " (אוהבי) דיא זיך כלומר שטעלן אז ווען זיא ווערן מיין ליב האבר אונ' מיין גיזעלן <u>בשעת</u> ווען זיא הנאה פון מיר האבן". <u>סהמן</u> תהילים, לח – יב, לובלין. 1226

" אזוא וויא דער זוהר איז מזהיר, דוא זאלשט זיין בצניעות <u>בשעת</u> דוא בהעפסט זיך מיט דיין ווייב". 1246

<u>קה</u>, הורודנא [?].

ב ש ע ת ה – ----> <u>בשעתו</u>.

ב ש ע ת ו |בעשאַטוי| - אדור, פפּ: בשעתה |בעשאַטאָ|,
בשעתם |בעשאַטאַם| (אפהענגיק פון דעם מין פון פערזאָן
אדער צאל פון דעם שײַכדיקן ווארט). אין יענער
צייט, אין דער שײַכדיקער צייט. % דער בילויס-
פראצעס האט בשעתו אויפגערודערט די גאנצע יידישע
וועלט. בשעתה האט די רעוואלוציע ארויסגערופן
גרויסע האפענונגען. יענע געשעענישן זיינען בשעתם
געווען זייער וויכטיק פאר יידישן פאלק.

1951 " די אויספירלעכע באטראכטונג פון דער פראגע
(וועגן די באציונגען צו די קאראימער) האט בשעתו 1348
|בשעתה?| ארויסגערופן א גרויסע פאלעמיק |...|".
י. ברוצקוס, זב ליטע I, נ"י, ז' 196.

1948. " |...| האבן זיך געביטן, ווי ישעיה הנביא
און אנדערע נביאים בשעתם מיט די שלעכטע מלכים
און פאלשע נביאים |...|". נס, משפחה מאשבער II,
נ"י, ז' 276.

1968 " |...| ער האט דערוויַיטערט דעם לאמזשער
בעל-תשובה, וואס האט בשעתו פאר דער ישיבה א סך
אויפגעטאן". חג, צמח אטלאס II, נ"י, 297.

די(ה) לצרה בשעתה |דאַי לעצאָרע בעשאַטאָ| - שוו.
מע דארף נישט זארגן פאר דער צייט, פאַר דעם אומגליק,
מע וועט געגוג דאגות האבן ווען עס וועט קומען צו צרה.

1948. " ווי מעג מען דען פארויסלויפן דעם אומגליק?
דיה לצרה בשעתה... און ווער האט עס רעכט צו
פרווון פארויסזען |...|". נס, משפחה מאשבער II,
נ"י, ז' 197.

ב ש ע ת ם - ---> בשעתו.

ב ש ע ת = מ ע ש ה |בעשאס=מײַסע/מאַנסע| - אדוו פר.

אין דעם אײגענעם מאמענט, אין דער זעלבער צײט
(פון דעם דערצײלן, פון דער טוּונג, געשעעניש),
גלײכצײטיק. % ער האט ניט איבערגעריסן דאס
דערצײלן און בשעת-מעשה אכטונג געגעבן אויפן עולם.
זײ ארבעטן און זינגען בשעת-מעשה געשמאק א לידל.

" אונ' אויף דער אנדרער זײט |...| געפינט זיך [?1819]
א קאַפּ פון טריפּוואקס, וואס ר' יוסל פּראדילס האט 1370
בעקאַפּיט בשעת-מעשה וויא ער האט דעם בריוו
פּרחתמיט". יפ, מגלה טמירין, ציט יידישע
כתבים, ווילנע 1937, ז' 14.

1876 " איך האב געזען, ווי עס האט |האבן| זיך
בשעת-מעשה געמיניעט ביי זיי זייערע געזיכטער". 1376
אמד, אלטע ליעבע |...|, ווילנע, ז' 43.

... " מיין מאמע |...| פלעגט זאגן, אז איך בין אין
גאנצן 'ער' |...| און בשעת-מעשה זענען ביי איר 1384
די אויגן געווען באנעצט". שע, דאס דריידל,
מעשיות פאר יידישע קינדער I!, ציט....

1928 " אין די נאכמיטאגן האט ער געלערנט מיט דריי
דערוואקסענע יינגלעך, צוגעוויגט בשעת-מעשה 1377
א קינד, וואס איז געלעגן אין א וויגל און איז פון
טאג צו טאג איינגעאנגען". אפּא X, ווילנע, ז' 114.

~~1936~~ 1943 " |...| איז ער לסוף שטיין געבליבן פאר זיין
שטענדער. ער האט פאמעלעך בשעת-מעשה די האנט אין
בוזעם-קעשענע אריינגעטאן |...|". נס, משפחה
מאשבער I, ~~קאַנבּ 301~~ נ"י, ז' 301.

|| בשעת-מעשהדיק |בעשאס-מײַסעדיק| - אדי/אדוו.

(שנש) פון דער געגעבענער צייט.

1973 " די יידישע גבית-עדותן און די שו"ת זיינען
א פינקטלעכע (רעפּראדוקציע פון דער בשעת-מעשהדיקער 1403
ריידשפּראך". מווג, נ"י, ז' 265.

ב ש פ ל - ה מ ד ר ג ה |בעשייפּעל-האַמאַדרייגע| - אדוו פּר.

(לל) אויך דעם נידעריקסטן מצב, אלץ זייער א
נידעריקן ניווא. דיעקאנאמישע לאגע איז צוליב
דער אינפלאציע זייער שלעכט, בשפל-המדרגה. יענער
פארשוין איז מאראליש בשפל-המדרגה, און קיינער וויל
ניט האבן קיין עסקים מיט אים.

1890 " איבער הויפּט שטייט אין קרים די 'קינדער-ערציונג'
זייער בשפל-המדרגה" . ייפאל נ' 4, ז' 11. 1433

1936 " און די וועלט וואס טוט מען מיט איר? אויב
מענטש וועט ארויפשטייגן אזוי הויך, צי וועט ער 1432
איר |זי| איבערלאזן בשפל-המדרגה?". א. גאָרדין,
זש'צוקונפט, מערץ, ז' 247 - I.

1961 " |...| אונדזער לעבן און אונדזער כבוד איז
געווען בשפל-המדרגה". ה. זיידמאן, טמז, I/6. 1431

ב ש פ ל - ה מ צ ב |בעשייפּעל-האַמאַצעוו| - אדוו פּר.

(לל, זן) דזוו דפוו.

1920 " די רייד זייערע |פון די משכילים וועגן די
מעלות פון ארבעט| זענען געווען נישט אָנגעלייגט, 1435
פשוט ארויסגעווארפן, די מלאכה איז געבליבן פּראַקטעט
און בשפל-המצב". עלזעט, ווערטער-אוצר פון דער
אידישער שפראך, ווארשע, ז' 3.

ב ש פ ל ו ת - ---> בשיפלות.

ב ש פ ע |בעשעפֿע| - אדוו, פּפֿ: (עלט, זן) בשופי

|בעשויפי/בעסויפי|, בשופע |בעשויפייע?|.

1. לרוב, אין דער פולער מאס, איבער גענוג. % זיי

האבן פרנסה בשפע.

1865 " און ווער עס פארשטייט נאר א געשעפט אדער א

מלאכה און איז דערצו פלייסיק, קען ער בשופי האבן 777

פרנסה און זיין א פרייער מענטש". קמ, נ׳ 34, ז׳523.

... " ייהן, וואלט מען געקענט בשופי צעטיילן ביז

1000 מלבושים". דצוו, נ׳ 149, 1867, ז׳ 369-III.

1882 " אז אזעלכע בעל-צדקות ווי פעסיע-רחקע וואלט

געווען נאך עטלעכע, וואלטן די ארעמע-לייט געהאט 779

בשופע זייער אויסקומעניש". ש. וואלצענאק,

דער באַקאנטער דאקטאר, ווארשע, ז׳ 13.

..........................................................

רעד: איז דאָ ניט סתם א גרייז? ס׳איז דא אין העברעיש אַן

אדיעקטיוו ׳שופע׳ |שטראָמענדיק.שטארק| אבער פּאַסט ער

זיך אהער?

..........................................................

... " האט טאקע יחיאל-מיכל געהאט פרנסה בשפע".

פרץ, אראפגעלאזטע אויגן, קאנק: 50. 1443

1920 " אז איינער האט פרנסה בשפע, הייסט עס: ׳ס׳רינט

אים איבער דער בארד׳". עלזעט, ווונדער-אוצר 1440 / באר-911

פון דער אידישער שפראך, ווארשע, ז׳ 65.

1954 " די יידישע צדקה-אנשטאלטן ווערן אויסגעהאלטן

פון יידיש געלט בשפע". גרינ, בלעטלעך |...|, 1448

נ"י, ז׳ 109.

2. רחבותדיק, ברייטלעך, זייער באקוועם.

1946 " זי איז געזעסן בשפע אין מיטן די ווייבער און

געהאלטן אין איין רעדן". ייט, פוילן II, 1448/א

נ"י, קאנק 183.

|| בשפעדיק |בעשפעדיק| - אדי/אדוו. דזוו דפוו, ב 1.

% ס'איז היינטיקס יאר א בשפעדיקע גערעטעניש.

0 בשפע רב |בעשעפּע ראַוו| - אדוו פר. דזוו דפוו, מער עמפאטיש. % פון דער ארענדע האט ער רווח בשפע רב.

ם בשופי.

1724 " רבונו של עולם |...| מיט דר כוונה דז איך
1448/ב וויל עוסק זייך משא ומתן באמונה |...| גיב מיר
כח דא צו |...| גיב מיר אויך מיין פרנסה בשופי".
ר' צבי הירש בר' חיים מפיורדא, דרכי נועם,
ווילהרמרשדארף, תפ"ד, דף ב/2 - ג/1.

1736 " בשפע רב - „In Reichem Maas
1450 קאל ווב.

?נ? ב ש ק י ד ה |בישקידע| - אדוו, פּפּ: בשקידות |בישקידעס|.
(לל, זז) פּלײַסיק, מיט התמדה.

1957 " יונגע-לייט און מיטליעריקע מענטשן האבן
1452 געלערנט חסידות בשקידה |...|". לדב, נ"י,
ז' 384.

ם בשקידות

1736 " מתמיד זייך בשקידות אין מעשים טובים -
1453 „Fleissig sein in Guten Wercken" קאל ווב.

די צייטן פון 32 ביז 39

אומגעפֿירט 13 ייִדיש

